א ליכטיגן תמיד
אודיש
פנים מאירות
אננעמען דאס לעבן - מיט א רואיגקייט
דורך **א**מונה **ש**לום **ב**טחון און **ש**מחה

# אור הבוקר

טעימה קלה פון די 'לעכטיגע גוט מארגן – אשב"ש' שמועסן
**יום ד' פרשת ויחי תשפ"ב (1-1-6-2-69)**

## איבערלעבן יעדן טאג די נסים ונפלאות וואס הקב"ה טוט מיט אונז

אין די וואכענדיגע סדרה שטייט (נ טו), אז ווען די שבטים הקדושים זענען צוריקגעקומען פון די לויה פון יעקב אבינו, צוריק אויף מצרים, האבן די שבטים הקדושים געטראכט ביי זיך, ווער ווייסט, 'לו ישטמנו יוסף', אפשר האט יוסף א שנאה אויף זיי, אפשר וועט ער זיי באצאלן שלעכטס אויף די אלע שלעכטס וואס זיי האבן אים געטון. די מפרשים שטעלען זיך (רש"י און אלע מפרשים), וואס עפעס איז איינגעפאלן פאר די שבטים הקדושים אויף יוסף הצדיק, וואס ער האט אזוי מקבל געווען באהבה די גאנצע גזירה מיט אזא ליבשאפט, מיט אזא געטרייישאפט, זאל האבן א שנאה אויף זיי? וואס עפעס איז איינגעפאלן אפילו אזא זאך?

אין דער בעל הטורים שטייט, אז ווען די שבטים הקדושים זענען צוריקגעקומען פון ארץ ישראל, גייענדיג אויף מצרים, איז יוסף הצדיק אריבערגעגאנגען צו די בור, צו די גרוב, וואס זיינע בורדער האבן אים דארט אריינגעווארפן, און געזאגט 'ברוך שעשה לי נס במקום הזה'. האבן די שבטים זיך דערשראקן, זיי האבן געזאגט 'ער געדענקט נאך אין זיין הארץ וואס אונז האבן אים געטון?' און דא האבן זיי זיך זייער דערשראקן.

פרעגט רבי חיים שמואלעוויטש א מורא'דיגע קשיא: עס איז דאך אן הלכה פסוקה אין שלחן ערוך אז ווען איינער גייט אדורך א פלאץ וואו עס איז אים געשען א נס, דארף ער מאכן א ברכה 'ברוך שעשה לי נס במקום הזה', נו, וואס האבן די שבטים געטראכט? אז יוסף הצדיק האט געהאט א נס, מען האט אים אריינגעווארפן אין א בור און עס איז גארנישט געשען, מען האט אים פארקויפט פון די בור, און עס איז גארנישט געשען, אוודאי איז ער מחויב על פי תורה צו מאכן די ברכה, ברוך שעשה לי נס במקום הזה?

כדי דאס צו פארשטיין, וועלן מיר מקדים זיין א משל. מען פארציילט, עס איז געווען א איד וואס ער האט גענומען א דרייווער זאל אים ארום פירן אויף אסאך פלעצער. אינמיטן פארן שטעלט זיך אפ דער דרייווער אויף א פלאץ, ער גייט ארויס, און ער זאגט 'ברוך שעשה לי נס במקום הזה',

ער קומט צוריק אין קאר, פרעגט אים דער איד וואס פארט מיט אים: "וואס פאר א נס האסטו דא געהאט?!". ענטפערט דער דרייווער: יא, איינמאל איז ער דא געפארן, און ער איז אריינגעפארן אין א בוים אינמיטן די וועג, און ברוך ה' ער איז געבליבן לעבן, ב"ה. מען פארט ווייטער אויפן וועג, שטעלט ער זיך ווייטער אפ, ער גייט ארויס און זאגט 'ברוך שעשה לי נס במקום הזה'. פרעגט ער אים וואס איז דא געשען? זאגט ער אים: דא האט זיך די קאר איבערגעדרייט אינמיטן פארן, און ער דאנקט דעם אייבערשטן אויף די גרויסע נס. מען פארט ווייטער, ער שטעלט זיך אפ א דריטן מאל. פרעגט ער אים: וואס שטעלסטו זיך דא אפ? וואס איז דא געשען? זאגט ער אים: דא איז ער אמאל איינגעשלאפן אינמיטן דרייוון, און דער אייבערשטער האט געהאלפן, עס איז גארנישט געשען!...

זאגט אים דער איד: איך וועל דיר זאגן די אמת, דו זאלסט דאנקן דעם אייבערשטן אויף אלע דיינע נסים ונפלאות וואס דו גייסט אדורך, אבער לאמיר ארויס פון די קאר, איך וויל מיט דיר נישט ווייטער פארן, דו האסט גרויסע ניסים, אבער איך ווייס נישט צו איך וועל האבן די אלע ניסים... איך וויל נישט פארן מיט איינער וואס דרייווט מיט ניסים, איך וויל פארן מיט איינער וואס דרייווט ווי א מענטש...

די הלכה איז - זאגט רבי חיים שמואלעוויץ - אז ווען איינער גייט אדורך א פלאץ וואו עס איז אים געשען א נס, און ער שפירט ווי די גאנצע נס גייט אים יעצט נאכאמאל אדורך, ממש מתחילה, עס לעבט זיך אים אדורך די נס, אזא איינער דארף מאכן די ברכה ברוך שעשה לי נס במקום הזה. טאמער אבער איינער גייט אדורך די פלאץ, און עס כאפט אים נישט קיין שום הרגש פון שמחה, פון שבח והודאה צום אייבערשטן, ער דארף נישט מאכן די ברכה. די ברכה איז א ברכה וואס מען גיבט ארויס מיט הרגישים גדולים פון א גרויסע נס וואס איז געשען אמאל פאר א מענטש. דער איד וואס ער איז געווען מלומד בניסים, און יעדע שטיק צייט האט ער א צווייטע פלאץ וואו ער דארף מאכן ברוך שעשה לי נס במקום הזה, אזא מענטש האט נישט די הרגישים, ער לעבט עס נישט איבער, ווייל אזוי איז די טבע, די טבע איז אז א מענטש האט אמאל א נס, אמאל אמאל, כאפט ער זיך אן אויף א מורא'דיגע שטארקע פלאץ.

דא איז געווען א מצב, די מעשה מיט מכירת יוסף האט שוין פאסירט ניין און דרייסיג יאר פארדעם, און זיי זעען אז יוסף גייט צי צו די בור מיט אזא התרגשות, ער לעבט עס נאכאמאל אדורך, און ער מאכט דעם ברוך שעשה לי נס במקום הזה מיט א מורא'דיגע ברייטקייט מיט א מוראדיגע טיפקייט, מיט א געוואלדיגע שבח והודאה, כאילו עס איז יעצט געשען. אוי האבן זיך די שבטים דערשראקן, אפשר לעבט ער עס אזוי איבער, אז עס וועט אריינגיין א שנאה אין אים?

אבער די שבטים האבן נישט געהאט וואס מורא צו האבן. ווייל יוסף הצדיק האט עס טאקע איבערגעלעבט, אבער נאר די חלק הטוב, די חלק פון שבח והודאה צום אייבערשטן, ממילא האט ער געקענט מאכן די ברכה ברוך שעשה לי נס במקום הזה.

א יעדער איד דארף יעדער צופרי, נאכאמאל אויפשטיין מיט א פרישקייט, און איבערלעבן אלע ניסים ונפלאות וואס דער הייליגער באשעפער טוט פאר אים, און פאר זיינע עלטערן און פאר זיינע קינדער און פאר גאנץ כלל ישראל, מיט א פרישקייט, מאכן די ברכות וואס אונז מאך מיר יעדן צופרי.

## אז מען איז מתפלל מיט אן אמת שיקט דער רבוש"ע די השפעה שלא בדרך הטבע

אין סדר הדורות ברענגט ער פונעם צמח דוד, וואס האט מחבר געווען הגאון רבי דוד גאנץ ז"ל, ער איז געווען א גרויסער בעל מקובל, א תלמיד פונעם הייליגן רמ"א, ער האט געוואוינט נעבן פראג, און ער האט אפגעשריבן פארשידענע געשעעעניש וואס איז געשען איבער די וועלט, דערציילט ער אזוי:

אין יאר ה"א ש"נ האט געוואוינט אין די גלילות פון פראג א בלוטיגער ארימאן, ער איז געגאנגען ברענגן פרנסה, אבער ער האט נישט געטראפן קיין זאך אויף די וועלט וואס ער קען דערפון מאכן געלט. ער איז אהיימגעקומען בייינאכט אן גארנישט. ער איז געווען הונגעריג, די ווייב האט געשריגן פון הונגער, די קינדער האבן געוויינט פון הונגער, ער האט נישט געהאט וואס צו געבן צו עסן פאר זיין משפחה. וואס האט ער געטון? ער האט געוויינט א גאנצע נאכט, און ער האט געזאגט: רבוש"ע, פאר יעדן אויף די וועלט גיבסטו צו עסן, בעט איך דיר, גיב מיר אויך עפעס! מיט געוואלדיגע טרערן, אזוי האט ער אפגעוויינט איין גאנצע נאכט.

אינדערפרי האט ער מחליט געווען, ער גייט זוכן א נייע פרנסה, ער גייט פארקויפן ליים. ליים האט מען געניצט פון א געוויסע מין ערד, מען האט עס געמישט מיט וואסער און עס איז געווארן אזא ליים, וואס מען האט געלייגט אויף די דעכער, מען האט עס געלייגט אויף די ערד פון די הייזער, אינדרויסן פון די הייזער. אזוי האט ער באשלאסן ער וויל מאכן די פרנסה, כדי צו קענען ברענגן צו עסן פארן שטוב, פאר די קינדער.

ער איז ארויסגעגאנגן ערגעץ דארט אין די געגנט ארום פראג, און ער זוכט ליים. ער איז אנגעקומען צו א גרוב וואס איז געווען פול מיט ווייסע שטויב, ער האט גענומען די ווייסע שטויב, ער האט עס אהיימגענומען, ער האט געזען אז עס איז ראוי לאכילה, מען קען מאכן דערפון גריס, פארשידענע גריסן, פארשידענע געבעקסן. ער האט אפגעקאכט די שטויב און ער האט עס אפגעבאקן, און ער האט אנגעפאנגען פארקויפן פארן עולם, ער האט נישט געוואוסט וואס דאס איז, אבער עס האט א גוטן טעם, האט ער עס פארקויפט.

טויזנטער מענטשן זענען געקומען קויפן פון אים די מעל און די ספעציעלע מאכל וואס דער איד האט, עס האט עפעס מורא'דיגע טעמים.

שרייבט דער צמח דוד: איך האב מיר אוועקגעלייגט פון די מעל למשמרת, אזויווי עס שטייט אין די תורה אז מען זאל אוועקלייגן פון די מן משמרת לדורותיכם. האב איך מיר אויך אוועקגעלייגט פון די מעל, צו ווייזן און צו גדענקן, אז דער הייליגער באשעפער איז היינט אויך, אזויווי די אידן אין די מדבר א זן ומפרנס לכל, דער הייליגער באשעפער האט געמאכט א גרוב פון מעל וואס איז נישט קיין געווענדליכע זאך, צו ווייזן אז ווען א מענטש מיינט אמאל, אז עס איז עק וועלט, עס איז כלו כל הקיצין, און ער האט נישט פון וואו צו נעמען פרנסה, קומט די השפעה אויף אזא מין אופן, חוץ לדרך הטבע, און עס איז נתגלה געווארן אלס פשוטע מעל, און דאס איז אין זכות פון דער איד וואס האט געוויינט און מתפלל געווען צום הייליגן באשעפער.

## וואס דער הייליגער באשעפער גיבט פאר אידן - דאס איז די טבע

עס איז דא א חתם סופר וואס דער חתם סופר שרייבט: ווען מען קלערט זיך אריין זעט מען, אז אין מדבר איז די מן געווען בדרך הטבע, דאס איז געפאלן יעדן טאג פון הימל, פערציג גאנצע יאר, אבער אנציזייען, איינצופלאנצן, עס זאל קענען וואקסן, איז געווען חוץ לדרך הטבע. קומט אויס אז די מן האט זיך אוועקגעשטעלט אין מדבר אלס טבע, און די וואקסן, וואס איז אין די וועלט די דרך הטבע, איז געווען אין מדבר של בדרך הטבע. שפעטער ווען מען איז אריינגעקומען אין ארץ ישראל, איז געווארן פארקערט, די מן איז געווארן חוץ לדרך הטבע, אבער ווייץ וואס מען פלאנצט אן איז געווארן בדרך הטבע.

זאגט דער הייליגער חתם סופר: פון דעם זעט מען, אז נישט דאס און נישט דאס איז טבע, טבע איז וואס דער הייליגער באשעפער גיבט פאר א איד. דער כל יכול, דער זן ומפרנס לכל. אזוי זאגט דער הייליגער חתם סופר.

דאס איז נישט נאר ביי פרנסה. דאס איז ביי אלע ענינים וואס א מענטש ברויך, אלעס מאכט דער הייליגער באשעפער. נסים ונפלאות שלא בדרך הטבע, בדרך הטבע, פארן כל יכול איז דאס נישט קיין נפקא מינה, אז א מענטש זאל האבן אלע זיינע געברויכן. עס איז נישט דא קיין פלאץ פון עצבות און מרה שחורה, אנגעצויגנקייט. דער הייליגער באשעפער האט פאר יעדעם אנגעגרייט אלעס וואס ער דארף, מען דארף מתפלל זיין, מען דארף האבן אמונה, מען דארף לעבן מיט א פנים מאירות, מען דארף לעבן מיט א שמחה און זיך אויסשמועסן מיטן הייליגן באשעפער.

## די גאולה שלימה ווארט אויף אידישע תפילות

הגה"ח רבי אליעזר דוד פרידמאן ז"ל האט פארציילט: אין די עלטערע יארן פון דער לבושי מרדכי זצ"ל, האבן די תלמידים אים געפרעגט: "רבי האסט אמאל געזען אליהו הנביא?". האט דער לבושי מרדכי געענטפערט: "יא, ער האט געזען אליהו הנביא!". פרעגן ווייטער די תלמידים: "וויאזוי האט ער אויסגעקוקט?". אליהו הנביא באווייזט זיך דאך פאר יעדעם איינעם אויף אן אנדערע אופן. האט ער געענטפערט: איך האב אים געזען אנגעטון מיט א האלצענער בגד פול מיט לעכערליך. איך האב אים געפרעגט די ערשטע שאלה: אימתי קאתי מר? ווען קומט שוין אליהו הנביא מבשר צו זיין די בשורת הגאולה?

האט אליהו הנביא געענטפערט, און געוויזן אויף זיין קלייד פון האלץ: ווען אידן וועלן אנפילן די לעכער מיט תפילות, וועט ער זיי קומען אויסלייזן!

אויבן אין הימל ווארט מען אויף די תפילות פון אידישע קינדער.

## אז אידן האלטן זיך חשוב ווערט די גלות גרינגער

אין די וואכענדיגע סדרה שטייט: יוסף איז צוריקגעקומען אויף מצרים, ער מיט די ברודער, און אלע וואס זענען ארויפגעגאנגן אויף ארץ ישראל באגלייטן די מטה פון יעקב אבינו. פרעגט רש"י: פארוואס דא שטייט וישב יוסף מצרימה הוא ואחיו, און נאכדעם שטייט, וכל העולים אתו, וואס דאס זענען געווען די מצריים. אבער אויפן וועג צו גיין שטייט פארקערט, ויעלו אתו עבדי פרעה, און נאכדעם שטייט, בית יוסף ואחיו ובית אביו. רש"י ענטפערט אויף דעם, אז נאכדעם וואס די מצריים האבן געזען די

כבוד וואס די מלכי כנען האבן געמאכט פאר די ארון פון יעקב אבינו האבן זיי אויך געגעבן מורא'דיגע כבוד פאר די ברודער, און אויפן וועג אהיים האבן זיי געלאזט זיי גיין פריער, זיי האבן זיי געגעבן אזא כבוד. פרעגט דער תורת אבות, פארוואס באמת האבן די כנענים געגעבן אזא כבוד פאר די בני יעקב מער ווי די מצרים, וואס האבן די כנענים געהאט מיט די בני יעקב אז זיי האבן געגעבן אזא כבוד?

ענטפערט דער תורת אבות: ווייל די עיקר גלות איז, אז אידישע קינדער זענען געפאלן ביי זיך, זיי האבן נישט קיין התחזקות אז זיי זענען מורא'דיג טייער ביים הייליגן באשעפער, אלמלי וואלטן אידן געגלייבט אין די אהבת השי"ת וואס דער הייליגער באשעפער האט פאר די אידן, פארן כלל ישראל, וואלטן זיי זיך מורא'דיגע מחזק געווען און שטענדיג געווען מורא'דיגע בשמחה פון זייער גרויס בטחון אינעם הייליגן באשעפער, און דעמאלסט וואלטן אפילו די גוים געזען אז זיי זענען זרע ברך ה', און די גוים וואלטן זיך נישט געקענט משעבד זיין מיט די אידן, זיי וואלטן נישט געקענט טשעפענען מיט די אידן. ווייל די אידן וואלטן געהאט א געוואלדיגע חשיבות, וואס קומט דורך דעם וואס מען איז זיך מחזק אין די גלות, אז דער הייליגער באשעפער האלט אונז אזוי חשוב און טייער.

ממילא זאגט ער אזוי: ווילאנג איינער פון די שבטים האט געלעבט האט זיך נישט אנגעפאנגען די שיעובד. פארוואס? ווייל די בני יעקב האבן געהאט א מורא'דיגע שטארקייט אין אמונה, אין אהבת ה', אין אהבת הקב"ה, אז די הייליגער באשעפער האט אונז ליב. און ממילא, ווילאנג די שבטים האבן געלעבט האבן די מצריים נישט אראפגעקוקט די שבטים, זיי האבן ארויפגעקוקט אויף די שבטים. ווען זיין זענען געקומען אויף ארץ ישראל, וואס דארטן איז נישט געווען בכלל די גזירת הגלות, האבן זיך די בני יעקב געשטארקט מיט זייער אמונה, מיט זייער בטחון, אויף סאך א שטערקערע אופן ווי זיי האבן געהאט אין מצרים, און וויבאלד זיי האבן זיך סאך מער געשטארקט אין ארץ ישראל ווי אין מצרים, איז זייער חשיבות ביי די בני כנען אויך געוואקסן, און דאס האבן די מצריים געזען. און וואס איז געשען שפעטער? איינמאל די שבטים זענען אוועק, איז די כלל ישראל אריינגעפאלן אין א פראבלעם פון אמונה, זיי האבן אנגעפאנגען טראכטן 'פון וואו וועלן מיר האבן פרנסה?' 'מיר וועלן דארפן צוקומען צו די גוים', זיי האבן זיך אנגעפאנגען אראפקוקן, זיי האבן זיך אנגעפאנגען דערנידריגן, און ממילא ווען דעם האבן די מצריים זיי טאקע אראפגעקוקט, און געהאט א שליטה אויף זיי.

עס איז דא די באקאנטע משל פון א בן מלך וואס האט זיך נישט אויפגעפירט ווי עס באדארף צו זיין, און זיין טאטע האט אים אוועקגעשיקט, און דער טאטע פלעגט אים שטענדיג שיקן צו עסן. דער זון האט געוואוסט, אז בעצם דער שליח וואס ברענגט אים די שפייז איז א גארנישט מיט נישט, סתם א שיק יונגל, ווייל דער וואס גיט אים צו עסן, איז דער טאטע זיינער, דער מלך. און ער ווייסט אויך, אז טאמער ער וועט פארבעסערן זיינע וועגן, ער וועט תשובה טון, ער וועט זיך אויפפירן בעסער, וועט ער קענען צוריקגיין באקומען פרנסה פונעם מלך אליין אינדערהיים, און נישט דארפון צוקומען צו דער שיק יונגל.

אונזער חיזוק וואס אונז האבן דא אין גלות איז, אז די אלע אומות העולם, זיי זענען שלוחים פונעם אייבערשטן, אונז

דארף מיר פון זיי גארנישט, אלעס שיקט אונז דער רבוש"ע, זיי זענען נאר שיק יונגליך, אונז דארף מיר זיך נישט פאר'גוי'אישן, אונז דארף מיר זיך נישט חנפ'ענען צו די גוים אויף אן אופן וואס איז קעגן די תורה, אונז דארף מיר לעבן מיט אזא אמונה ובטחון, און געדענקן אז עס קומט שוין אט אט די גרויסע טאג וואס אונז וועל מיר צוריקגיין עסן פון די מלך אליין, אן די אלע שלוחים, עס ווארט נאר אויף אונזער אמונה, אונזער בטחון, אונזער שמחה, אונזער שטאלץ, אז די אמות העולם זאלן נישט קענען טרעטן אויף אונז.

און מיט דעם וואס אידן זענען זיך מחזק מיט אהבת ישראל, וואס כביכול דער הייליגער באשעפער האט צו אונז, און מען ווייזט ארויס אהבת ישראל וואס איין איד האט צום אנדערן, אין דעם זכות וועט מען זוכה זיין צו די גאולה שלימה.

דער הייליגער באשעפער זאל העלפן, אונז זאל מיר זוכה זיין צו אן טוב וחסד, עס זאל פאר קיין איד גאנישט פעלן, עס זאל זיין שטענדיג שמחה, הצלחה און סייעתא דשמיא, און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

**צו ערהאלטן דעם גליון אדער אנדערע גליונות פונעם**
**מערכת שיקט צו:** gilyonospm@gmail.com



## די ריכטיגע וועג צו לערנען מיט א חברותא

**איינער האט אנגעפרעגט: ער לערנט מיט א חברותא, און דער חברותא זאגט די גמרא, זאגט די שלחן ערוך, ער פרעגט, ער ענטפערט, ער מאכט קלאר. עס קומט אויס, אז ער זאגט אלעס. דער חברותא דארף אויך זיך ארויסברענגען, אז נישט, האט ער נישט קיין קלארקייט, אז נישט זעט ער נישט זיין קלארקייט. וויאזוי זאל ער זיך אומגיין? זאל ער זאגן פאר זיין חברותא: לאז מיר רעדן. עס איז אביסל קינדעריש. ער האט הנאה ווען זיין חברותא רעדט, אבער ער מוז אויך האבן עפעס וויאזוי זיך ארויסצוברענגען און זיך קלאר מאכן. וואס דארף מען צו טון אין אזא פאל?**

די תשובה אויף דעם איז: אין יעדע חברותא דארף יעדער זאגן. די חברותא זאגט און דו הערסט אים אויס, און דו פארשטייסט וואס ער זאגט. און נאכדעם זאג אים: "לאמיר איבערזאגן וואס דו האסט יעצט געזאגט!". אנשטאט זאגן: "איך וויל יעצט זאגן!", זאג פאר דיין חברותא "יעצט לאז מיר דיר איבערזאגן וואס דו האסט יעצט געזאגט. דו זאגסט אזוי, דער מחבר מיינט דאס, דער רמ"א לייגט דאס צו, דאס איז דער טורי זהב'ס קשיא, טורי זהב'ס תירוץ. דער מגן אברהם קריגט זיך, דער מגן אברהם האלט אזוי. און דער מחצית השקל איז מסביר אזוי און אזוי!". די זעלבע זאך ביי גמרא רש"י תוספות. און טאמער דער חברותא האקט דיר אריין, זאג אים: "לאז מיר זיך ארויסברענגען, לאז מיר שפירן אז איך זאג עס קלאר! הער מיר אויס, לאמיר זען צו איך זאג עס טאקע ריכטיג איבער!".

דאס דארף יעדע חברותא טון, בכלל דארף מען אזוי לערנען מיט חברותא'ס, עס איז נישט קיין חילוק ווער עס זאגט. אויב דו זאגסט, ווען דו ענדיגסט זאגן, זאג פאר דיין חברותא - אויב דו ביסט א וואוילער מענטש און א דורכגעטראכטער מענטש - "יעצט ברענג דו ארויס וויאזוי דו האסט אפגעלערנט די סוגיא, איך וויל הערן וויאזוי דו זאגסט עס!". טאמער לערנסטו מיט א חברותא וואס טוט נישט געבן די פארשלאגע, זאג פאר דיין חברותא: "יעצט זיי דו שטיל, הער מיר אויס, איך וויל צאמנעמען די סוגיא!".

דאס איז זיכער אז אזוי דארף מען צו לערנען, יעדע חברותא. די שאלה איז, פון אנפאנג, ווען מען הייבט אן לערנען די גמרא רש"י תוספות, דער מחבר, דער רמ"א, דער ט"ז מג"א, דער ש"ך דער סמ"ע. איז דא מענטשן, וואס בטבע זאגן, און עס איז דא מענטשן וואס קענען נישט זאגן מיט אנדערע.

די תשובה אויף דעם איז: דארפסט זיך אויסלערנען זאגן צוזאמען, מען דארף קענען זאגןביידע צוזאמען. דו זאגסט און ער זאגט, און מען קען האלטן די מח, די אויערן, אפן, בשעת מען זאגט, צו הערן וואס יענער זאגט, אים צו פארבעסערן.

אבער די אמת איז, איך וויל דא מאכן א יסוד ביי חברותות בכלל: צו לערנען מיט א חברותא מיינט נישט, אז איך מוז אייביג מסכים זיין מיט מיין חברותא, און מיין חברותא מוז אייביג מסכים זיין מיט מיר. לערנען מיט א חברותא מיינט נישט אז מען דארף זיך משכנע זיין איינער דעם צווייטן. לערנען מיט א חברותא מיינט: מען דארף זיך אויסהערן איינער דער צווייטן, עס קען זיין ער לערנט איין פשט, איך לערן א צווייטע פשט, און מען איז העכסט צופרידן, אחים ורעים, אהבה אחוה שלום וריעות. מען מוז אפילו נישט זאגן פאר די חברותא איך לערן אנדערש.

די חבורתא זאגט א מהלך, און נאכדעם זאגסטו אים: "הער דו מיר אויס. דו זאגסט אזוי און אזוי, און די סיבה פארוואס דו זאגסט אזוי, איז ווייל דו האסט אזוי אפגעלערנט. עס איז אבער דא נאך א וועג צו לערנען, מען קען אפלערנען די סוגיא אויף אן אנדערע מהלך" און דו לייגסט עס פאר, און דו ביסט מסביר פארוואס דו זאגסט אזוי, וואס איז די חילוק פון די פריערדיגע מהלך וואס רופט זיך דיין חברותא'ס מהלך, און דיין מהלך. דו הערסט אויס וואס די חברותא ענטפערט, אויב פארשטייסטו וואס ער ענטפערט, גייט מען ווייטער אינעם סכסוך, אינעם פלפול. טאמער דו פארשטייסט נישט וואס ער זאגט, און דו זעסט אז ער איז זייער רואיג און באקוועם מיט וואס ער האט געזאגט, זאגט מען 'מסכים' און מען גייט ווייטער.

א חברותא מיינט נישט דווקא משכנע זיין איינער דעם צווייטן. און זייער וויכטיג איז, מען זאל זיך אויסלערנען, מען קען זאגן צוזאמען, האבן אן אפענע אויער און זאגן צוזאמען, און אפילו די מענטשן וואס האבן די טבע, ווען זיי זאגן צוזאמען קענען נישט הערן, און זיי האבן נישט ארויס וואס די חברותא זאגט, איז נישט. נעם עס נאכדעם צוזאם. זאגט ביידע צוזאמען, און נאכדעם זאג אזוי: "לאמיר דיר זאגן וואס אונז האבן יעצט אפגעלערנט, זאג מיר צו איך זאג גוט!". זאג "די גמרא זאגט אזוי, רש"י לייגט צו, תוספות לייגט צו, דער רא"ש לייגט צו"... ברענג עס ארויס, און אויב דו זעסט אז די חברותא איז נישט צופרידן, זאג אים: "אדרבה, יעצט זאג דו, לאמיר הערן וויאזוי דו זאגסטו!".

אויב איינער גייט מיר זאגן, אז די לערנען וועט נעמען צו לאנג, און מען וועט נישט אנקומען די שיעור וואס מען דארף אנקומען, צו עס איז אין כולל, צו עס איז אין ישיבה.

די תשובה אויף דעם איז: איינמאל מען געוואוינט זיך צו, נעמט עס נישט לאנג, עס איז א דרך ארוכה וקצרה. ווייל אזוי פארשטייט מען זיך, אזוי לערנט מען קלאר, אזוי איז נישט דא קיין סכסוכים, און דאס איז די ריכטיגע וועג וויאזוי חברותא'ס דארפן צו לערנען. דאס נעמט נישט צייט, דאס איז די מהלך הלימוד. אויב עס נעמט צייט, איז א סימן, מען איז נישט צוגעוואוינט, וועט עס נעמען צייט, א וואך צוויי דריי, אבער דאס איז די ריכטיגע וועג וויאזוי צוויי חברותא'ס דארפן צו לערנען.

**מען קען הערן תשובות בכל תחומי החיים אויפן ליניע אויף קנעפל: 511.**

# פרקי חינוך

## ארבעט אויף דיר צוזאמען מיטן חינוך חלק א׳

### פתיחה

יעדן טאג, דריי מאל א טאג, פיר מאל א טאג, שרייען אידישע קינדער אויס: שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד! און בשעת מען זאגט די ווערטער איז מען מקבל אויף זיך ׳עול מלכות שמים׳ יחודו ואחדותו יתברך שמו בעולם, מסירת נפש פאר׳ן שם ה׳.

וויאזוי איז מען זוכה צו דעם? זאג מיר אונז ווייטער, ואהבת את ה׳ אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך. וויאזוי איז מען זוכה צו ואהבת את ה׳ אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך? שטייט ווייטער, ושננתם לבניך, אז דו וועסט לערנען תורה מיט דיינע קינדער און מיט אנדערע מענטשן, דו וועסט געבן וואס דו האסט פאר אנדערע, מזכה זיין אנדערע, וועסטו זוכה זיין צו האבן די ריכטיגע ואהבת את ה׳ אלקיך.

און וויאזוי איז מען זוכה צו לערנען מיט אנדערע? שטייט ווייטער אין פסוק, ודברת בם, אז מען ליגט אין די תורה. ווען די שפראך פונעם מענטש איז תורה, ווען די מהלך המחשבה פונעם מענטש איז תורה, ווען יעדע תנועה פון א מענטש איז תורה, איז מען זוכה צו ושננתם לבניך. און דורך ושננתם לבניך איז מען זוכה צו ואהבת את ה׳ אלקיך, און אז מען איז זוכה צו ואהבת את ה׳ אלקיך, קען מען זוכה זיין צו די מדריגה פון מסירת נפש, צו מפיץ זיין און צעשפרייטן און מקבל זיין אויף זיך די שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד.

#### חינוך איז מיין עקזיסטענץ

עס איז א געוואליגע יסוד אין חינוך. עלטערן, מחנכים און מחנכות, דארפן אריינעמען ביי זיך א טיפע מחשבה: חינוך איז נישט נאר א אויפטו פאר מיינע קינדער, חינוך איז אן אויפטו פאר מיר אויך.

ווען איך בין מחנך מיינע קינדער, ווען איך בין מחנך מיינע תלמידים ותלמידות, וואקסט מיין אהבת ה׳, בין איך זוכה צו אהבת ה׳, צו התקרבות לה׳, איך בין זוכה צו זיין אן ערליכער איד, א בעל מידות, א מתמיד, א ירא שמים. אלעס וואס איך גיב איבער פאר אנדערע, בין איך זוכה דורך דעם צו צוקומען צו אהבת ה׳, און צו די מדריגה פון מייחד זיין יחידו ואחדותו יתברך שמו בעולם, פון שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד.

אז מען גייט צו מיט די מחשבה, און מען פארשטייט אז כדי איך זאל זוכה זיין צו די ושננתם לבניך, וואס וועט מיר ברענגן צו ואהבת, און צו שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד, דארף איך זיין א ודברת בם, אז מיינע מחשבה דיבור ומעשה, יעדע תנועה מיינע זאל זיין א תורה'דיגע, זיך קאכן אין תורה, זיין אויסגעהאלטן על פי תורה, אן התקרבות צו תורה צו עבודה צו יראת שמים, צו ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום.

ווען א מענטש האט דאס אין זיין מחשבה, גייט ער אנדערש צי צו חינוך.

חינוך איז נישט אזויווי פרנסה. איך בין א איד, איך דארף מקיים זיין מצוות און מעשים טובים, כדי מען זאל קענען זיין א איד און מקיים זיין מצוות ומעשים טובים, דארף מען האבן פרנסה, בכדי מען זאל האבן א קיום מיט די עולם הזה'דיגע וועלט. חינוך איז נישט די זעלבע אופן.

חינוך איז א מציאות פון אן ערליכע איד.

מיין ערליכקייט און מיינע קינדערס ערליכקייט, מיין אידישקייט, מיין דביקות הבורא, מיין אהבת ה', מיין יראת השם און מיינע קינדערס, מיינע תלמידים'ס און מיינע תלמידות יראת השם און זייערע דורות, אלעס איז תלוי אין חינוך.

די טבע אנושי איז, אז יעדע זאך וואס א מענטש פארשטייט, דאס איז עצמותו, דאס איז ער אליין, ער דארף עס, ער טוט עס פאר זיך, ער פארדינט, און דאס איז א חיוב וואס ער דארף צו האבן, כדי ער אליין זאל צוקומען צו וואו ער דארף צוקומען - גייט מען אנדערש צי. און אזוי דארף מען צוגיין צו די מצווה פון חינוך. ווען א מענטש ווייסט דאס, גייט מען אנדערש צי צו א תלמיד, צי א תלמידה. עס איז נישט איך מיט יענער, עס איז נישט צוויי זאכן, עס איז איין זאך.

איז ממילא, די ערשטע יסוד וואס אונז ברענג מיר דא ארויס, אויף זייער א שטארקע אופן, איז: אז עלטערן, מחנכים און מחנכות, אויב איר זעט אז די קינדער זענען נישט מקבל פון אייך, אויב איר זעט אז די קינדער פירן זיך אויף אנדערש ווי אייך.

[אונז רעד מיר נישט יעצט, א שינוי אהער א שינוי אהין, אז זיי האבן אנדערע נאטורן, זיי האבן אנדערע השקפות החיים, אבער הצד השוה אז יעדער איינער איז ערליך און ער דינט דעם אייבערשטן - פון דעם רעדט מען נישט, דאס איז פשוט אזוי, אז אזוי קומט עס, מען קען דאך נישט האבן די זעלבע קינדער און די זעלבע תלמידים ותלמידות ווי איך בין ממש, נישט דא אזא היכי תמצא! מען רעדט אז מען איז נישט מצליח מיט די קינדער. און מען רעדט אויך נישט פון חולי נפש, מען רעדט פון געזונטע קלוגע קינדער]

די קינדער רעדן חוצפה'דיג, די קינדער זאגן ליגנט, זיי גנב'ענען, זיי רעדן א ברייטע שפראך, זיי מאכן אוועק, זיי שטויסן אוועק די עלטערן, די מחנכים און מחנכות. און מען כאפט א וואונדער:

פון וואו קומט דאס?!

די ערשטע זאך וואס יעדע טאטע מאמע, וואס יעדע מחנך און מחנכות דארף געבן א שטעל אפ, און זיך בוחן זיין: וויאזוי זעען אויס מיינע מידות? וויאזוי זעט אויס מיין עבודת ה'? וויאזוי גיי איך צי צו חינוך?

איך בין מחנך די קינדער אויף אן אופן ווייל איך ווייס אז מיט דעם שטייג איך, איך גיי צי צו די חינוך פון די קינדער פונקט אזוויי איך גיי צי צו מיין טעלער עסן [עס איז א משל, אוודאי מען דארף צוגיין צו חינוך מיליאן מאל מער הייליגער און חשובער ווי להבדיל צו עסן, אבער איך רעד יעצט אין דערהער, אין עמקות]? ווען א מענטש גייט צי צו זיין טעלער עסן [מען רעדט נישט ח"ו א בעל תאווה, מען רעדט נארמאל. א נארמאלער מענטש גייט צי צו זיין טעלער עסן] ווייל ער ווייסט איך דארף דאס צום לעבן, אויב איך גיי דאס נישט עסן, קען איך נישט עקזעסטירן אויף די וועלט.

ווען מיר גייען צי צו חינוך, דארף מען צוגיין, אז דאס איז מיין עקזיסטענץ, מיין יראת שמים, מיין תורה, מיין עבודה, מיין מענטשליכקייט, מיינע מידות טובות, האבן שייכות מיט דעם וואס איך גיי יעצט מחנך זיין מיינע קינדער, מיינע תלמידים ותלמידות, און אז מען גייט צו מיט די כוונה, און מיט די פארשטאנד, גייט מען צי אין גאר אן אנדערע מהלך, אויף גאר אן אנדערע אופן.

ווייל א מענטש האט א טבע אז פאר זיך וועט ער זיך מוסר נפש זיין, פאר זיך וועט אים איינפאלן אלע בייפאלן וואס איז נאר שייך, און וואס ער קען נאר טון אז ער זאל צוקומען צו דארט וואו ער וויל אנקומען. א מענטש פאר זיך קומט אן. א מענטש פאר זיך, ווען ער איז הונגעריג אדער דארשטריק, אדער ער איז מיד וועט ער זיך אן עצה געבן.

אויב דער מענטש ווייסט אז חינוך איז זיין ואהבת את ה' אלקיך. אויב ער ווייסט אז דאס איז זיין שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד, עס איז זיין ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום, עס איז זיין התקרבות להקב"ה, עס איז זיין בכל דרכיך דעהו, וועט ער אנדערש צו גיין צו די קינדער, בנים ובנות, זיי מחנך זיין.

**אינעם קומענדיגן גליון וועלן מיר בעזר ה' אנפאנגן א פרישן פרק – די שיעורי חינוך קען מען הערן אויפן ליניע אויף קנעפל: 25**